בס"ד

# ביעור חמץ און ביעור חלב

אַז עס קומט נאָענט צו די הייליקע טעג פון פסח שווימט ווידער אַרויף די אומפאַרשטענדלעכע סתירה צווישן חמץ און חלב, וועלכע בלייבט אומפאַרענטפערט יאָר נאָך יאָר. נעמלעך, אין דער תורה שטייען די צוויי אין איין מדרגה: ביי חמץ זאָגט די תורה, אַז דער וואָס עסט דערפון ווערט ל״ע יונג פאַרשניטן פון דער וועלט מיט זיין גאַנצער משפחה, וועלכע ווערן פאַרלענדט מיט דער צייט. און דאָס אייניקע שטייט געשריבן אין דער תורה ביי חלב.

אָבער ביי דער אויפפירונג פון מענטש שיידט אָפּ אַ תהום צווישן די. גיט נאָר אַ קוק וואָס עס טוט זיך אָפּ אין אַ אידישער שטוב פאַר פסח. אַלץ ווערט אָפּגעריניקט פון דאַך ביז דער ערד, טישן, בענקלעך, שאַפעס, קלאזעטס... וואָס קאָסט אָפּ אַ הון רב פאַר יעדן יחיד, סיי די קעשענע, וואָס מען צאָלט פאַר גרייטעס, קלינערס, פעינטערס... סיי פיזיש, ווי מען פלאָגט זיך צו קראַצן, רייבן. מען וואַלגערט זיך פון איין שטוב אין אַנדערן, מען גיט אַכטונג קינדער זאָלן נישט צוריק חמצ'דיק מאַכן. מען עסט נישט באַקוועם ווי אַ גאַנץ יאָר, און נאָך און נאָך.

נאָכדעם קומען די געוואַלדיקע הוצאות פון אַריינברענגען דעם פסח. מצות, ארבע כוסות, פלייש, פיש, פרוכט און מילך, וועלכע קאָסטן דריי און פירפאַכיק טייערער פון אַ גאַנץ יאָר (בעת הסוחרים) מיט חומרות אויף חומרות. דאָס עסט מען נישט אין יענץ אויך נישט און ביי יענעם אַוודאי נישט. בקיצור, עס גייט אָן אין יעדע שטוב וואָכן פאַר פסח אַ גענעראַל אָפּעראַציע אויף דעם גאַנצן הויז, אויסצוראמען יעדעס שפּרענקעלע פון חמץ.

אפשר ווייסט איר די סיבה פונ'ם ווימען, אפשר ווייל די תורה האָט געהייסן? ניין, אין דער תורה שטייט דאָס נישט. על פי התורה זאָגט איר ערב פסח "כל חמירא" און פאַרטיק. דאָס איז אַ תקנת חז״ל, ווייל טאָמער וועט ער קינד טרעפן אַ טייערן קיכל און עס וועט זיך אים פאַרגלוסטן, וועט ער נכשל ווערן אין חמץ בפסח.

איר כאַפּט דעם ווערהער? מען אַרבעט עבודת פרך! מען ליידט גלות ביי זיך אין שטוב! מען פאַרחוב'ט זיך מיט געלט ביז איבערן קאָפּ. אַלץ צוליב איין ברעקעלע חמץ.

אָבער ווען עס האַנדלט זיך וועגן בהמה־פלייש מיט חלב, גייט מען צו מיט דער גרעסטער מאָס קאַלטקייט. מען קויפט דאָס, מען עסט דאָס, כאָטש אַלע שרייען געוואַלד! איר עסט חמץ בפסח. שטעלט אייך פאָר. אַ איד וועלכער האָט אויסגעצאָלט פאַר מצות צו קענען שפייזן זיין הויזגעזינד פון 14 נפשות בלעה״ר $300 און מער אויב זאָל ער געוואָר ווערן אַז עטלעכע רבנים (און אַפילו פשוטע באַגלייבטע אידן) האָבן געזען ווי אַ גוי ברעקלט אַריין חמץ אין די באַקסעס וועט ער דאָס אוועקוואַרפן און פאַר קיין געלט וועט איר נישט קענען פּועל'ן ער זאָל דאָס בודק זיין און עסן ווייל אפשר דאָך האָט ער פאַרזען אַ קליינטשיק ברעקל חמץ, וועלכעס איז פאַרבליבן.

מורי ורבותי! וואָס טוט זיך מיט חלב? רבנים שרייבן און שרייען, אַז אייער פלייש האָט נישט בלויז ברעקלעך, נאָר גאַנצע כזיתים חלב. און נישט נאָר ווימט איר נישט אַרויס דאָס אַלטע, איר ברענגט נאָך אַריין נייע אָן שום האַרץ־קלאַפּעניש. כאָטש די שטראָף פון חלב איז אויך ח״ו פאַרשניטן צו ווערן יונגערהייט מיט דער גאַנצער משפחה, און איר זעט און הערט נעבעך טעגלעך פון יונגע לוי'ס רח״ל, וואו איז דער אידישער געפיל צו די מצוות התורה? פאַרוואָס זאָלט איר נישט באַגרייפן, אַז ווען איר זעצט זיך עסן אַ סאַלאַמי־סענדוויטש איז פונקט ווי איך עסט דעם זעלבן סענדוויטש אינמיטן פסח.

אַ סך מענטשן ליידן פסח אויפ'ן מאָגן צוליב דער פסח־דיעטע, אָבער פאַר קיין שום געלט וועלן זיי דאָס נישט טוישן. ביי בהמה־פלייש איז פונקט פאַרקערט, מען ליידט אויף קאָלעסטעראל און הויכן בלוט־דרוק דורך דעם און דאָך וועט איר נישט מוותר זיין דערויף צוליב תאווה. וואָס פאַר אַ פנים וועלן מיר האָבן אין הימל ווען מען וועט זאָגן נאָך 120 יאָר, נעם דיר דיינע אָנגעהאָרעוועטע מצוות פון חמץ און מצוה צוריק, באַקומסט נישט קיין שכר דערפאַר. אַ שיין געשעפט, פון ברויט אָדער ראָלס האָסטו פאַרציכטעט ווייל איר תאווה איז נישט אַזוי גרויס, אָבער סאַלאַמי, פראַנקפורטער און סטעיק ביסטו נישט מוותר, ווייל די תאווה דערצו איז גרויס. מיינט דאָס, אַז דיין פשוטע תאווה שטייט ביי דיר העכער פון דער תורה! און דו ביסט נאָך אַ שיינער איד, אַ מנהיג, רועה נאמן, רב, מו״צ א.ד.גל.

טאָמער וועט אייך דער רב פסק'נען אַז אייערע מצות זיינען כשר בשעת הדחק גדול, וועט איר נישט וועלן הערן דערפון, אָבער דאָס פלייש וואָס די גאונים און צדיקים שרייען חלב! חלב! מאַכט איר אַ שווייג און פראָבירט איינרעדן אַנדערע אַז איר גלויבט נישט די רבנים. איר גלויבט זיי נאָר ווען עס קומט אייך גוט אויס.

שיינע אידן! וואו זענט איר? טאָמער וועט מען אייך געבן מצות שמורה משעת טחינה צום נוצן אָדער מים שלנו, וועלכעס איז בטל געוואָרן חד בתרי וועלכע זיינען מותר מן הדין וועט איר דאָס נישט צונעמען אַפילו מען וועט אייך צוצאָלן, אָבער פלאַנקען־פלייש רוקט איר אַריין אין טשאָלנט מיט אַ מכלורמשטן לכבוד שבת קודש. וואו האָט מען געזען אַריינלייגן סם אין טשאָלנט לכבוד שבת אפילו עס זאָל זיין געשמאַק און איר אַליין טוט דאָס.

שטעלט אייך פאָר, שבת צופרי, די שטאָט פאָרט אויף רעדער, צוויי רבנים האָבן געדרש'נט אין בית המדרש, זיי זיינען געוואָר געוואָרן אַז צענדליקער טעפּ טשאָלנט זיינען פאַרסמ'ט געוואָרן דורך געשיקטע גנבים. כאָטש דאָס גרייכט אַפילו נישט קיין 1/5 פראָצענט פון שטאָט וואָלט איך מורא געהאַט צו עסן ווייל אפשר אייערס אויך. היינט ווי אַזוי דענקט איר נישט דאָס זעלבע ביי בהמה פלייש, וועלכעס האָט דעם סם חלב וואָס הרג'עט ל״ע אָן רחמנות און דערלאַנגט ביד רחבה קאָלעסטעראל מיט אַ גרויסער דאָזע פון דער ריכטיקער מעשה רח״ל און איר עסט דאָס אָן האַרץ־קלאַפּעניש.

### געדענקט

אויב איר לאָזט איבער די בהמה אין שטוב האָט איר חמץ בפסח אין שטוב. די געטלעכע אויג נאַרט איר נישט אָפּ, ער זעט און ווייסט אַלץ.

בברכת חג כשר ושמח.

# די אידישע שטוב - פסח (טראַדיציע)



עס איז אַן אַלטע טראַדיציע ביי אידן, אַז פסח מישט מען זיך נישט. אייגענע געשווויסטער מיידן אויס צו עסן אָדער טרינקען צוגעגרייטע זאַכן איינער ביים אַנדערן. פאַרוואָס? ווייל פסח איז פון אייביק געווען דער יום־טוב פון חומרות מיט הידורים ביי כשרות ביים קלימאַקס.

אַלץ פלעגט מען מהדר זיין צו מאַכן אַליין, געקאָכט, געבאַקן, געפרעגלט, געפרעסט, געזייט, אַלץ אונטער איין דאַך. די קינדער, וואָס זיינען אויפגעוואַקסן מיט דער אַטמאָספער איז ביי זיי אַריין אין די ביינער דער הויכער באַדייט פון כשרות, וועלכעס האָט אין יונגן מוח איינגעקריצט אַן אומפאַרגעסלעכן רושם. און ווען ער איז שוין בע״ה געווען אויף די אייגענע קעסט האָט ער אַלץ נאָכגעטון כמנהג אבותיו מיט דער גרעסטער מאָס תמימות. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דאָס האָט גלייכצייטיק געהאַט אַ השפעה אויף אַ גאַנץ יאָר אויך. פאַרשטייענדיק, אַז אינ׳ם ביסן וואָס קומט אין מויל איז אָפּהענגיק אַ היפּש ביסל אידישקייט.

דאָס עיקר פינטל איז אָבער געווען די ״מסורת האבות״. דאָרט האָט זיך אַרויסגעוויזן די אייגנאַרטיקייט פון אידישן פאָלק נישט צו ווייזן, אַז מיר זיינען קליגער פון אונזערע זיידעס, נאָר פונקט פאַרקערט, מיר זיינען מבטל אונזער דעת פאַר׳ן מנהג האבות (טראַדיציע). און דאָס איז דער הויפּט־שליסל צו דער עקזיסטענץ פון אידישן פאָלק. אַז איך טו דאָס וואָס איך האָב געלערנט ביי מיינע עלטערן וואָס ער האָט געלערנט ביי זיינע עלטערן פון דורי דורות.

די אַלע פורקי עול, וועלכע האָבן געזוכט הפקרות און צו פטרן זיך פון דעם עול תורה ומצוות האָבן נאָר געהאַט אַ שליטה ביי די וועלכע האָבן נישט אָנגעהאַלטן אַ קפּידא אויף מנהג האבות. אַזוי האָט מען זיי פאַרפירט תחילת מיט קלייניקייטן כלומרשט סתם מנהגים. און אַזוי צוביסלעך זיי אַראָפּגעפירט פון אידישן וועג ווי די חז״ל זאָגן — כך דרכו של יצר הרע, היום אומר לו עשה כך וכו׳ ביז ער דינט עבודה זרה. דאָס איז געווען דער דרך פון משכילים — רעפאָרם — ציונים עד היום הזה.

אָבער די וועלכע האָבן זיך געהאַלטן פעלזן־פעסט ביים דרך האבות זיינען בייגעקומען אַלע בייזע ווינטן און ב״ה אויפגעשטעלט אידישע דורות, וועלכע בליען ביזן היינטיקן טאָג.

מיטן אָנהייבן אויסשטאַפירן די שטוב אין פסח מיט געקריפטע פראָרוקטן פאַרלירט די שטוב דעם אַלטן אידישן חן, און בעיקר צעברעכט איר בידים די מסורת האבות, ווייל איר קריכט אַוועק פון דעם וואָס איר האָט געזען ביי די עלטערן. און אַז מען מעג טון אַנדערש ווייסט איין באַשעפער וואו דאָס פירט צו.

גלייכצייטיק מוזן מיר מעורר זין אויף אַ נייער פירצה, וועלכע נעמט זיך פון ברעכן מנהג אבותינו: די קליידער מיט קורצע ערמעל ביז צום עלנבויגן, וועלכע אונזערע מאַמעס און באָבעס האָבן קיינמאָל נישט געטראָגן און דאָרט וועט איר זיך איבערצייגן, אַז דאָס בלייבט נישט שטיין, עס קריכט העכער און העכער השם ירחם.

מורי ורבותי, איר האָרעוועט אַזוי שווער אויף יעדן ביסל אידישקייט בגוף ובנפש ובממון. אויב לאָזט איר אַרויס דאָס קליינע שרייפעלע טראַדיציע דאַן איז דאָס ווי אַ מעכטיק מאַשינדל וואָס דער מאָטאָר פעלט.

נאָר ״מנהג אבותינו״ העלפט דעם איד דורכצושטופן דעם שווערן גלות מיט אַלע נסיונות. און אויב הערשט אין דעם אַ שוואַכקייט, ווער ווייסט וואָס וועט זיין ווייטער, השם ירחם.

בברכת חג כשר ושמח.

## WE'RE MAKING IT EASIER FOR YOU TO BE A JEW.

## We've just made it impossible for you to eat meat.

May this revealtion to the Jewish populace be regarded in the Eyes of Heaven as a complete Tchuveh (repentance) for me of any meat or its equivalent that I partook of in complete ignorance of the atrocities being perpetrated by all those having any connection with that devastating commodity. There are 256 pages in this book. Had I merely read as little as one page even as a child -- I declare that it would have been enough to deter me from eating meat. If allowed I could swear to it.

Dear Reader: As for me I merely strongly desire to induce just one person to stop eating meat -- that one person is YOU. I give you 256 pages or 256 reasons to effectuate Hashem's Commandment . That shouldn't be too difficult to implement such request. The great Heavenly Tribunal is anxiously waiting to see what your choice will be. I've said all I could -- the rest is up to you. Now, travel at your own risk!